14-5 CALL TO THE JEWS
CONCERNING RELIEF + REBUILDING

א רוף צו די אידן וועגן רעליף און אויפבוי

די אידן פון אמעריקע שטײען איצט פאר דער גרויסער, היסטאָרישער אויפגאבע צו העלפן אויפבויען דאָס אידישע לעבן, העלפן אונדזערע שוועסטער און ברידער אויף יענער זײט ים, העלפן הײלן די טיפע וואונדן, וואָס די שוידערלעכע קאטאסטראָפע פון די לעצטע יאָרן האָט געלאָזן אין אידישן פאָלק.

אונדזער פאָלק איז פארקלענערט געוואָרן אויף העכער א דריטל -- ביז עלף־צוועלף מיליאָן. פון זײ געפינען זיך העכער פינף מיליאָן, שיר ניט א העלפט פון גאנצן אידישן פאָלק, אין די פאראײניקטע שטאטן, וועלכע זײנען אָפּגעהיט געוואָרן פון די גרוילן פון די געטאָס, די טרעבלינקאס און די אנדערע מאסן־מאָרד לאגערן, - א דאנק די קרבנות פון די אידן אין אײראָפּע, א דאנק די קרבנות פון אלע פאראײניקטע פעלקער, צוזאמען מיט די אָנשטרענגונגען פון אונדזערע קינדער אויף די שלאכטפעלדער פון אײראָפּע און אנדערע טײלן פון דער וועלט.

אויף דער העלפט פון אידישן פאָלק, וואָס געפינט זיך אין אמעריקע, פאלט דער חוב צו העלפן די אידן פון פוילן און בכלל פון מזרח און צענטראל אײראָפּע, העלפן אלע אײראָפּאײשע אידישע ישובים, וואו עס איז פאראן אזויפיל עלנט און נויט, וואו עס בלאָנקען ארום די „לעבעדיקע מתים”, וועלכע האָבן זיך געראטעוועט פון די נאצי גאז־קאמערן, העלפן די סאָוועטישע אידן וועלכע האָבן געמאכט אזא גרויסן בײטראג צום זיג און וועלכע בויען א אידיש־נאציאָנאלע סאָציאליסטישע הײם אין בירא־בידזשאן; העלפן זיכערן דעם אידישן ישוב אין ארץ ישראל, וואו עס געפינט זיך א וויכטיקער טײל פון אונדזער פאָלק, וואָס בויט א נאציאָנאלע אידישע הײם.

ניט נאָר מיר זײנען שולדיק א חוב די אידן פון אײראָפּע. עס איז דער חוב פון די באטרעפנדיקע מלוכות צו העלפן אויפבויען דאָס אידישע לעבן אין זײערע לענדער, עס איז דער חוב פון די פאראײניקטע מלוכות אונטערצוטראגן א העלפנדיקע האנט. די פאראײניקטע מלוכות האָבן געשאפן די „אונרא,” כדי צו דערפילן די מאָראלע פליכט צו די לײדנדיקע פעלקער, בתוכם דאָס אידישע פאָלק. אָבער די רעאקציאָנערע קרעפטן אין אמעריקע בראָש מיט דער דיואי־הוווער קליקע, צוזאמען מיט די בילבאָ, רענקינס פון דער סאוט, זוכן צו סאבאטאזשעווען די ארבעט פון דער „אונרא” און מאכן אלע שטערונגען זי זאָל ניט קריגן די נויטיקע מיטלען. דאָס פאָלק מוז צונישט מאכן די דאָזיקע שעדלעכע ארבעט און פארזיכערן אז די „אונרא” זאָל קאָנען דערפילן איר פליכט.

אָבער אויף אונדז, אמעריקאנער אידן, ליגט דער חוב צו טאָן אלץ וואָס מיר קאָנען צו לינדערן די נויט פון אונדזערע אײגענע אויף יענער זײט ים און צו העלפן זײ שטעלן זיך אויף די פיס. מיר ווײסן אויסגעצײכנט אז ווען די „אונרא” און ווען די באטרעפנדיקע מלוכות זאָלן דערפילן אלע זײערע פארפליכטונגען, וועט עס נאָך אלץ זײן ווײט ניט גענוג. מיר מוזן קומען קודם כל און אלעמאָל מיט אונדזער בײטראג, העלפן בויען אויף די חורבות א נײ לעבן.

אָבער דאָ מוז געזאָגט ווערן, אז ניט געקוקט אויף די אלע בײשטײערונגען וואָס די אידן פון אמעריקע האָבן שוין געמאכט פאר רעליף און אויפבוי, האָבן זײ אָבער נאָך ווײט-ווײט ניט דערפילט זײער פליכט, נעמען זײ ווײט-ווײט נאָך ניט קײן אנטײל אין דער היסטאָרישער ארבעט לויט די באדערפענישן אויף יענער זײט ים און לויט די מעגלעכקײטן אויף דער זײט ים. אידן פון אמעריקע זײנען נאָך ניט __אויפגערודערט__ געוואָרן, זײ זאָלן קאָנען מאכן זײער געהעריקן בײטראג. אידן פון אמעריקע זײנען ווײט הינטערשטעליק אין פארגלײך מיט זײער בײטראג אמאָל, בשעת און נאָך דער לעצטער וועלט-מלחמה, - כאָטש די דעמאָלטיקע נויט אין אײראָפּע, ווי גרויס זי איז ניט געווען, איז זי אָבער געווען ניט אין פארגלײך קלענער ווי איצט און כאָטש דער אמעריקאנער אידישער ישוב האָט דעמאָלט אויסגעמאכט ארום דרײ און א האלב מיליאָן, אנשטאָט די איצטיקע העכער פינף מיליאָן.

פארוואָס איז עס אזוי? פארוואָס איז דער געוויסן פון די אמעריקאנער אידן נאָך ניט אויפגעוועקט געוואָרן אויף אזא שטײגער, אז די מעשים אויפן געביט פון רעליף און אויפבוי זאָלן זײן אין אײנקלאנג מיט די באדערפענישן און מיט די מעגלעכקײטן?

אײנע פון די הויפט סיבות איז דאָס, וואָס עס איז ניטאָ קײן אײניקײט צווישן די אידן אין אמעריקע בנוגע רעליף-ארבעט. די ארבעט איז צעברעקלט צווישן פארשײדענע נאציאָנאלע אָרגאניזאציעס, צווישן טויזנטער לאנדסמאנשאפטן. און דאָ מוז געזאָגט ווערן אז דער „דזשאָינט", אן אָרגאניזאציע וועלכע איז געשאפן געוואָרן בשעת דער לעצטער וועלט-מלחמה אויפן באָדן פון __אײניקײט__ - און דערפון דער נאָמען „דזשאָינט" - אז די אָרגאניזאציע וואָלט געדארפט שפילן אן אָנפירנדיקע ראָלע צו פאראײניקן די אמעריקאנער אידן אויפן געביט פון רעליף-ארבעט. עס מוז אײנגעשטעלט ווערן, ווי אן אײזערנער געזעץ, אז אלע טײלן פון אמעריקאנער אידנטום דארפן זיך אין דער ארבעט באטײליקן און אז אויף יענער זײט ים, אין די באטרעפנדיקע לענדער, דארף די הילף-ארבעט געטאָן ווערן דורך די פאראײניקטע דעמאָקראטישע קאָמיטעטן פון דער אָרטיקער אידישער באפעלקערונג.

צוליב די מאכינאציעס פון די שפאלטערישע און סאָוועטן-האסערישע עלעמענטן, וועלכע געפינען זיך איצט אין דער פירערשאפט פון דעם אידישן ארבעטער קאָמיטעט און וועלכע ווערן אויך געשטיצט פון די פלוטאָקראטישע עלעמענטן אין „דזשאָינט", האָט דער „דזשאָינט" אין משך פון די אלע יאָרן זינט היטלער'ס איבערפאל אויפן סאָוועטן-פארבאנד ביז איצט (ווען די דעקלאראציע ווערט געשריבן, אָקטאָבער 1945) ניט געטאָן קײן הילף-ארבעט צווישן די סאָוועטישע אידן, האָט ניט געהאלטן דעם אָפּמאך וואָס ער, דער „דזשאָינט", האָט אין סוף 1943 געשלאָסן מיט די פאָרשטײער פון דער סאָוועטן-רעגירונג וועגן אנטוויקלען טעטיקײטן פאר די אידן אין סאָוועטן-פארבאנד.

די אויפגאבע צו פאראײניקן די אידן פון אמעריקע אין דער ארבעט פון רעליף און אויפבוי איז א דרינגענדע. אָבער די ארבעט קאָן ניט ווארטן! אונדזערע ברידער און שוועסטער קוקן אויס דערויף, אז מיר זאָלן זײ געבן א ברידערלעכע, א שוועסטערלעכע האנט, אז מיר זאָלן צאָלן אונדזער חוב צו זײן

דער אידישער פראטערנאַלער פאָלקס־אָרדן האָט אין משך פון די לעצטע עטלעכע יאָר פּרובירט אין א געוויסער מאָס דערפילן זיין פליכט אויף דעם געביט. מיר זאָגן „אין א געוויסער מאָס”, ווייל מיר באַגרייפן, אַז עס פאָדערט זיך העראָאישע מעשים, אמתער מסירת נפש, ממש מיטן ביסן ברויט זיך טיילן מיט אונדזער אייגן בלוט און פלייש אויף יענער זייט ים! דערביי האלט עס נאָך ביי אונדז אויך ניט. אָבער נעמענדיק אין אכט די אלגעמיינע לאגע צווישן די אמעריקאנער אידן, האָט דער אָרדן געמאכט אַן אָנגעזעענעם ביטראג. ווען עס איז אָנגעקומען דער רוף פון די סאָוועטישע אידן צו די ברידער־אידן פון דער גאנצער וועלט, האָט דער אָרדן געענטפערט מיט א טאנקען־קאמפאניע, וועלכע האָט צום ערשטן מאָל אוועקגעשטעלט די רעליף־ארבעט אין אָרדן אויף א ברייטן שטייגער.

פאראיאָרן האָבן מיר געפירט א קאמפאניע פאר 200 טויזנט דאָלאר, וועלכע האָט אריינגענומען הילף־ארבעט פאר די אידן אין איראָפּע און פּאלעסטינע, ווי פאר וויכטיקע הילף־צוועקן דאָ אין אמעריקע. פאר דער ארבעט האָט דער אָרדן געקראָגן די אנערקענונג פון אידישן קאונסיל פון „ראָשען וואָר רעליף”, פון „הדסה” און „יונאיטעד דזשואיש אפּיל.” חוץ דעם האָבן די ברענטשעס, אויף א לאָקאלן שטייגער, זיך באטייליקט אין דער ארבעט פון „יונאיטעד דזשואיש אפּיל”, „ראַשען וואָר רעליף”, „נעשאַנאל וואָר פאָנד”, „הדסה”, רויטער מגן דוד און אזוי ווייטער, און געזאמלט קליידער אויף דער סומע פון פינף הונדערט טויזנט דאָלאר.

היינטיקס יאָר פירט דער אָרדן א קאמפאניע פאר א מיליאָן דאָלאר רעליף – 250 טויזנט דאָלאר אין מזומן און 750 טויזנט דאָלאר אין קליידער. ביז איצט, אין די ערשטע זעקס וואָכן, איז שוין אריינגעקומען מזומן און קליידער אויף א סומע פון א פערטל מיליאָן. עס איז נויטיק אז דער פולער ציל זאָל דערגרייכט ווערן וואָס גיכער! ער קאָן דערגרייכט ווערן, ער קאָן און מוז אריבערגעשטיגן ווערן!

די מיטגלידער און טוער פון אָרדן גיבן זיך אָפּ א רעכענונג, אז דאָס איז ווייט ניט אלץ וואָס מיר זיינען בארופן צו טאָן פאר אונדזערע שוועסטער און ברידער אויף יענער זייט ים. מיר ווייסן, אז די געשיכטע פון אונדזער פאָלק וועט אונדז משפטן לויט אונדזערע איצטיקע מעשים און ניט לויט דעקלאראציעס און פרומע וואונטשן. און מעשים פאָדערן זיך גרויסע, נאָך גרעסערע ווי איצט! עס פאָדערט זיך קרבנות, באמת טאקע טיילן זיך מיטן ביסן ברויט מיט אונדזערע אומגליקלעכע שוועסטער און ברידער! אָבער דער דערפאָלג פון דער איצטיקער קאמפאניע וועט ניט נאָר צושטעלן וויפיל ניט איז הילף דאָרט וואו הילף איז אזוי נויטיק, נאָר וועט אויך מעגלעך מאכן פארן אָרדן מער אויסצואיבן זיין ווירקונג אין דער ריכטונג פון אידישער איניקייט אין דער רעליף־ארבעט.

עס האָט גערירט ביז טרערן צו זען די בילדער פון פאריז, פון דער קינדערהיים וואָס איז געקויפט געוואָרן מיט דער הילף פון די צען טויזנט דאָלאר, וואָס דער אָרדן האָט בייגעשטייערט פאר די אידישע יתומים אין פראנקרייך. עס האָט גערירט ביז טרערן צו זען די פאָטאָגראפיעס פון די אינגלעך און מיידלעך,

וועמעם עלטערן עס זיינען אומגעבראכט געוואָרן פון די נאצים, ווי זיי מארשירן צו זייער נייער היים, א פּרעכטיקער מאיאָנטיק אין די פאָרשטעט פון פּאריז, לעבן אן אָזערע, צווישן אלייען בוימער. דאָס איז דאָס מינדסטע וואָס מיר קאָנען געבן די יתומים – א דאך איבערן קאָפּ, א ביסן ברויט! אזא היים פאר יתומים וועט דער אָרדן שאפן אויך אין פּוילן, און היימען פאר יתומים וועט דער אָרדן זוכן צו שאפן סיי אין דער אידישער סאָציאליסטישער נאציאָנאלער היים בירא־בידזשאן, סיי אין דער אידישער נאציאָנאלער היים אין ארץ ישראל. דאָס זיינען נאָר עטלעכע פאזן פון דער הילף־ארבעט, וואָס וועט געטאָן ווערן אלס רעזולטאט פון דער מיליאָן דאָלאר קאמפּאניע. דער אידישער קאונסיל פון „ראָשען רעליף”, די, פעדעראציע פון די פּוילישע אידן, דער „יונאיטעד דזשואיש אפּיל”, די „הדסה” און נאָך אָרגאניזאציעס וועלן זיין איינגעשלאָסן אין דער רעליף־ארבעט פון אָרדן!

געבענטשט זאָלן זיין די הענט וואָס טוען די ארבעט פון רעליף און אויפבוי! גיכער און ענערגישער די ארבעט פארן דערפאָלג פון מיליאָן דאָלאר קאמפּאניע! דאָס וועט שטארקן אונדזער אייגן בלוט און פלייש, דאָס וועט העלפן אָפּווישן דעם חורבן, דאָס וועט ברענגען פרייד די יתומים, דאָס וועט אין א געוויסער מאָס אויסקויפן אונדזער שולד, מעגלעך מאכן פאר אונדז צו באצאָלן כאָטש א טייל פון אונדזער וועקסל צו אונדזערע שוועסטער און ברידער, פון אונדזער חוב צו זיך אליין, צו דער געשיכטע פון אונדזער פאָלק! דאָס וועט העלפן פארוואנדלען דעם אָרדן אין א שטארקערן פאקטאָר אין קאמף פאר אייניקייט אין דער רעליף־ארבעט!

געבענטשט זאָלן זיין די הענט וואָס טוען די ארבעט פון רעליף און אויפבוי !

* * *